**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/26/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 38 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן קריטישע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען ביי ניו יארקע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן**

***גרענטס וועלן העלפן מאדערניזירן איינריכטונגען, באררייכערן ערפארונג פון סטודענטן און אויפטרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג ביי 33 פריוואטע, נאָן-פראפיט קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן***

***זעהט פולע ליסטע פון גרענטס [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט 38 מיליאן דאלאר אין איינמאליגע גרענטס ביי 33 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אריבער ניו יארק סטעיט דורך דעם העכערע בילדונג אינפראסטרוקטורישע מעטשינג פאָנד גרענט פראגראם ( Higher Education Capital Matching Grant Program, HECap). די גרענטס שטיצן פראיעקטן וואס פירן דורך קאנסטרוקציע און רענאוואציע פון נייע לאבארעטאריע און אנדערע פלעצער פאר פארשונג, פראיעקטן וואס קויפן איין נייע טעכנאלאגיעס און כלים צו אויסלערנען און פילע אנדערע באדייטנדע אינוועסטירונגען.

"ניו יארק'ס קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן זענען די סאמע בעסטע, אפפערנדיג פאר סטודענטן אומפארגלייכליכע געלעגנהייטן צו לערנען, אנטדעקן און זיך אנגרייטן צו אנהויבן זייערע קאריערעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די פינאנצירונג, טוט מיין אדמיניסטראציע ווידערהאלן אונזער פארפליכטונג צו צושטעלן פאר אונזערע סטודענטן – אריינרעכענענדיג די וואס גייען צו אונזערע פריוואטע, נאָן-פּראפיט מוסדות – אן ערשט-קלאסיגע ניו יארקע בילדונג מיט אונזערע בעסטע מעגליכע מיטלען און איינריכטונגען וואס וועלן זיי העלפן מצליח זיין אינעווייניג און אינדרויסן פון די קלאסצימער."

אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, האט דער העכערע בילדונג אינפראסטרוקטורישע מעטשינג פאָנד גרענט פראגראם ערמעגליכט פאר קאמפוסן אריבער די סטעיט צו מאכן קריטישע אינוועסטירונגען צו זייער אינפראסטרוקטור און געצייג בשעת'ן שאפן קאנסטרוקציע דזשאבס.

קאמפוסן וואס באקומען גרענטס זענען פארלאנגט צו אינוועסטירן צום ווייניגסטנס $3 פון זייערע אייגענע געלטער פאר יעדע $1 פון סטעיט געלטער וואס זיי באקומען. צוזאמען מיט די קאלעדזש'ס מעטשינג פאָנד געלטער אין די פראיעקטן, וועט די רונדע פון פינאנצירונג פירן צו 152 מיליאן דאלאר ווערנדיג אינוועסטירט אין ניו יארק'ס העכערע בילדונג קאמיוניטיס.
אויסדערוועלטע גרענט סומעס רעכענען אריין:

- לאנג איילענד אוניווערסיטעט (ניו יארק סיטי): קאנסטרוקציע פון אן אינדזשענירונג פאבריצירונג לאבארעטאריע, 1.3 מיליאן דאלאר.
- סעינט דזשאַן'ס אוניווערסיטעט (ניו יארק סיטי): קאנסטרוקציע פון א בעסקעטבאל איבונגען איינריכטונג, 3 מיליאן דאלאר.

- פארדהאם אוניווערסיטעט (ניו יארק סיטי): אויפשטעלן Fordham Road Community Center, 3 מיליאן דאלאר.
- העמילטאן קאלעדזש (קלינטאן): קאנסטרוקציע פון די Hamilton Innovation Center, 3 מיליאן דאלאר.
- רענסעליער פאליטעקניק אינסטיטוט (טראָי): רענאוואציע און טעכנאלאגיע מאדערניזירונגען צו מייקראָו-עלעקטראניקס איינריכטונגען, 1.9 מיליאן דאלאר.
- סירעקיוס אוניווערסיטעט (סירעקיוס): אויפשטעלן די Quantum Technology Center, 3 מיליאן דאלאר.
- ראטשעסטער אינסטיטוט פון טעכנאלאגיע (ראטשעסטער): רענאוואציע פון עלעקטרישע אינפראסטרוקטור, 1.5 מיליאן דאלאר.
- קעניסיוס אוניווערסיטעט (באפעלאו): קאנסטרוקציע פון א 'סטודענט סוקסעס צענטער', 1 מיליאן דאלאר.

די געלטער זענען פארטיילט געווארן ביי די זיצונג אום יוני 26 פון די HECap באורד און זענען געשאנקען געווארן אין א פראצעדור וואס האט אויסגעקליבן די בעסטע אפליקאציעס. דער דריי-מיטגליד HECap באורד נעמט אריין איין מיטגליד אויסגעוועלט דורך די ספיקער פונעם אסעמבלי, איין מיטגליד אויסגעוועלט דורך דער צייטווייליגער פרעזידענט פון די סענאט, און א דריטער מיטגליד אויסגעוועלט דורך דער גאווערנער. DASNY שטעלט צו די איינגעשטעלטע פאר די HECap באורד און פירט אן דעם פראגראם. א פולע ליסטע פון פראיעקטן וואס האבן באקומען פינאנצירונג איז פארעפנטליכט אויף די DASNY וועבזייטל.

זינט HECap איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2005, האט ניו יארק סטעיט שוין פארטיילט 368.1 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר 307 פראיעקטן ביי קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אריבער ניו יארק סטעיט. די גרענטס האבן געפירט צו א סך הכל פון 1.10 ביליאן דאלאר פון אינוועסטירונגען זינט די אנהויב פון דעם פראגראם.

דער HECap פראגראם גיבט מעטשינג פאָנד גרענטס פאר קאלעדזשעס פאר די דעזיין, איינקויפונג, קאנסטרוקציע, איבערבויאונג, פאררעכטונג אדער אויסשטאטונג פון אן איינריכטונג אויף אדער נעבן א קאלעדזש קאמפוס אין די סטעיט, אריינרעכענענדיג קריטישע אקאדעמישע איינריכטונגען, עקאנאמישע אנטוויקלונג און/אדער היי-טעק פראיעקטן און שטאטישע באייאונג און/אדער היסטאריע אפהיטונג פראיעקטן וואס וועלן באררייכערן די צוגעשטעלטע פראגראמען אדער די לעבן פון די סטודענטן אויפן קאלעדזש אדער צושטעלן עקאנאמישע אנטוויקלונג בענעפיטן פאר די געגנט ארום די קאלעדזש קאמפוס.

אן איינלאדענונג אריינצוגעבן קאנקורירנדע גרענט אפליקאציעס פאר די קומענדיגע רונדע איז אויך באשטעטיגט געווארן ביי די HECap באורד זיצונג.

**DASNY פרעזידענט און CEO, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "DASNY איז שטאלץ צו שטיצן א פראגראם וואס שטעלט צו לאנג-טערמיניגע ממשיות'דיגע אינוועסטירונגען אין די פירנדע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אריבער אונזער גאנצע סטעיט. די אינוועסטירונגען העלפן פארשטערקערן ניו יארק'ס עקאנאמיע בשעת'ן צוציהען און אויסבילדן סטודענטן וועלכע וועלן העלפן אויפבויען ניו יארק'ס צוקונפט."

**סטעיט סענאטארשע טאָובי ען סטאוויסקי האט געזאגט,** "דער העכערע בילדונג אינפראסטרוקטורישע מעטשינג פאָנד גרענט פראגראם ( Higher Education Capital Matching Grant Program, HECap) איז א שיינענדעביישפיל פון א שותפות צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן וואס

ארבעט פאר אלע ניו יארקער. די HECap פראגראם העלפט קאמפוסעס דורכאויס די סטעיט מאכן קריטישע אינוועסטירונגען אין זייער אינפראסטרוקטור און עקוויפמענט, האלטנדיג ניו יארק'ס אומאפהענגיגע קאלעדשעס און אוניווערזיטעטן קאנקורירנד אויף א נאציאנאלע און וועלטליכע שטאפל."

**אסעמבלי מיטגלידערין פעטרישע פעיהי האט געזאגט,** "ניו יארק'ס פריוואטע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן בילדן אויס הונדערטע טויזנטע סטודענטן יעדעס יאר און קאנקורירן אויף אן אינטערנאציאנאלע פארנעם. דאס זיכער מאכן אז די אינסטיטוציעס קענען אנהאלטן און צוציהען סטודענטן, לערער און איינגעשטעלטע מיט קריטישע אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור אונטער דעם HE-CAP פראגראם איז גאר וויכטיג צו קענען היטן אויף א הויכע צאל פון סטודענטן וואס שרייבן זיך איין און צו שטופן פאר אן ערשט-קלאסיגע עדזשוקעישען. אלס פארזיצערין פון די העכערע בילדונג קאמיטע פון די אסעמבלי, בין איך שטאלץ צו האבן געארבעט מיט מיין קאלעגין אין די סענאט, טאָובי ען סטאוויסקי, און מיט אונזערע פריוואטע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן צו אהערשטעלן די מיטלען וואס זיי דארפן צו פארזעצן צו בליהען."

**פרעזידענט פון די קאמיסיע אויף אומאפהעניגע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן (Commission on Independent Colleges and Universities), לאָולע וו. ברעבהאם, האט געזאגט,** "מיר באדאנקען גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור פארן שטיצן דעם וויכטיגן פראגראם. HECap שטעלט צו א קריטישע אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס אומאפהעניגע נאָן-פראַפיט קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן דורכן צושטעלן די נויטיגע שטיצע צו פארבעסערן קריטישע אקאדעמישע איינריכטונגען, טרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג און היי-טעק פראיעקטן און פלעגן שטאטישע באנייאונג און היסטאריע אפהיטונג, דאס אלעס בשעת'ן זיכער מאכן אז ניו יארק בלייבט ווייטער א גלאבאלע פירערין אין העכערע בילדונג און ערפינדערישקייט."

מער אינפארמאציע איבער דעם HECap פראגראם קען [געפונען ווערן דא](). א פולע ליסטע פון פארטיילטע גרענטס קען [געפונען ווערן דא]().

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן